[illegible] 1928 ״די ייִדישע װעלט״ 13 נומ׳ 1

פֿראַגן פֿון ייִדישער פּאָעטיק

פֿון אהרן צייטלין

דאַכט זיך, קײנער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט ביז איצט אויף דעם אויסטערלישן פֿאַקט, אַז די ייִדישע פּאָעזיע, װאָס איז די לעצטע יאָרן געװאָרן געבענטשט אױס מיט פּאָעטישע טולן, — נאָר װי בײַ לײַטן, להבדיל, — פֿאַרמאָגט נישט קײן פֿעסטגעשטעלטע פּאָעטיק, קײן נאָרמירטע מעטריק און קײן אײנהײטלעכע, איבערדיאַלעקטישע װערסיפֿיקאַציע.

דער שרײַבער פֿון די שורות איז געװען זײער װײַט פֿון װעלכן עס איז װילן אײַנצוקװעטשן אין קײטן פֿון קאַנאָן דאָס פֿרײַע דיכטער-װאָרט. אַנדערש איז אָבער פֿרײַהײט, װאָס קומט פֿון מאַכט, און אַנדערש — קװאַזי-פֿרײַהײט, װאָס קומט פֿון הילפֿלאָזיקײט.

איז דען נישט פֿאַרדעכטיק און — יעדנפֿאַלס — שטאַרק משונהדיק, װאָס אונזער מאָדערניסטישע פּאָעזיע איז געקומען מיט לאָזונגען פֿון פֿאָרם-רעװאָלוציע, בעת מיר האָבן נאָך קײנמאָל „אויפֿן לאַגער" נישט פֿאַרמאָגט קײן פּאָעטישע נאָרמען?

אויף צו קאָנען צעשטערן עפּעס — מוז מען דאָך האָבן דעם אָביעקט פֿון צעשטערונג. אויב אײַננעמען — מוז מען דאָך האָבן װאָס אײַנצונעמען. פֿונאַנדערטראָגן פֿאַרצװײַטונגען, אומװאַרפֿן פֿאַרעלטערטע קונסט-כּללים שטירצן טויטע נאָרמען און פֿאָרמען? אָבער — זײַנען דען װען-עס-איז אויפֿגעשטעלט געװאָרן אין דער ייִדישער פּאָעזיע װעלכע-עס-איז צוימען און האָט עמעצער בכלל געקלערט װעגן אויפֿבויען אַ נאָרמאַלע ייִדישע פּאָעטיק? איז דען געװען און איז דען פֿאַראַן אַזאַ אַלגעמײן-אָנגענומענע פּאָעטיק אַ ייִדישע, װאָס זאָל כאָטש קאָנען אין אַ צײַט פֿון די צײַטן װערן אַ װירדיקער אָביעקט פֿון קונסט-רעװאָלוציע?

איבעריקנס דאַרף מען פֿונאַנדערטײלן צװישן צװײערלײ פֿאָרם-קאַטעגאָריעס: פֿאָרם אינדיװידועלע און פֿאָרם אַלגעמײנע. יעדער פּאָעט (עװענטועל — יעדע פּאָעטן-שולע) האָט אָדער דאַרף האָבן זײַן (איר) אײגענע בילדונג. אַ פֿאַרװאָס מעטאַפֿאָרע, למשל, איז אַן אינדיװידועלער פֿאָרם-װערט, װי ס'איז אינדיװידועל די מוזיק, דער אויסװאַל פֿון ריטם פֿאַר דעם אָדער יענעם געדיכט אָדער טײל פֿונעם געדיכט. דאָ טאָר מען קײן שום כּללים נישט

אויפֿשטעלן — יעדער דיכטער אָדער דיכטער-שולע דאַרף באַטראַכט װערן פֿאַר אויטאָנאָם אין די ראַמען פֿון אײגענער קונסט און קאָן געמשפּט װערן בלויז און אויסשליסלעך פֿון אײגענער קונסט אַרויס, ד. ה. צי האַלט זיך דער דיכטער, אָדער די באַטרעפֿנדיקע ריכטונג, בײַ די אינדיװידועלע, פֿון זיך און פֿאַר זיך געשאַפֿענע נאָרמען, אָדער נישט. (דאָס האָט שוין געפֿילט לעסינג, װען ער האָט געלערנט אָפּצושאַצן אַ װערק לויט דעם קונסט-קריטעריום פֿונעם װערק גופֿא).

ס'זײַנען אָבער פֿאַראַן אַלגעמײנע פֿאָרמען, פֿון װעלכע די דיכטקונסט טרעט על-פּי-רוב נישט אָפּ אינגאַנצן אַפֿילו דאַן, װען זי ענדערט איר באַציִונג צום קונסט-אָביעקט. אָט דאָ זײַנען כּללים אומבאַדינגט נויטיק, אַלנפֿאַלס אַזוי לאַנג ביז ס'װערן נישט אויפֿגעשטעלט קײן בעסערע, װאָרים אָן זײ מוז דער פּאָטאַלער מיסברויך מיט דער „ליצענציאַ פּאָעטיקאַ" אומפֿאַרמײַדלעך ברענגען נישט נאָר צו פֿאָרם-הפֿקרות, נאָר צו מאַכטלאָזער פֿאָרמלאָזיקײט בכלל.

דעם קאָמפּלעקס פֿון אויסערלעכע, — אָבער זײער װיכטיקע פֿאַר יעדער פּאָעזיע, — פֿאָרם-װערטן נעמט אַרום די פּאָעטיק (מעטריק, װערסיפֿיקאַציע, געװיסע אַלגעמײנקײטן פֿון פּאָעטישן זאַץ-בוי, װאָס װערט צוגעפּאַסט צו די באַזונדערע מוזיקאַלישע אײגנשאַפֿטן פֿון אַ שפּראַך, א. ד. גל.)

און אָט דאָ קומט — אָן שום היזק, פֿאַרקערט, מיטן גרעסטן נוץ פֿאַר דער אַנטװיקלונג פֿון פּאָעזיע אין אַ באַטרעפֿנדיקער ליטעראַטור — דאָ, זאָג איך, קומט אויב נישט די הערשאַפֿט, איז לכל-הפּחות די קאָמפּעטענץ פֿון דעם גוטן, אויסגעפּרוּװטן, פּאָעטישן כּלל.

אָבער גראָד דאָ, אויפֿן געביט פֿון פּאָעטיק, פֿעלט אונדז להלוטין יעדװעדער זכר פֿון געבענטשטער פֿאַראײנהײטלעכונג. דערפֿון באַקומט זיך אַ כאַאָס, װאָס מוז װירקן טיף-אומעסטעטיש, אָפֿט פּשוט אָפּשטויסנדיק, אויף יעדן מער-װײניק עסטעטיש-געשולטן לידער-לײענער.

אײנע פֿון די סטאַבילע אַלגעמײנע פֿאָרמען פֿון דער פּאָעזיע איז, אָן ספֿק, דער גראַם אין אַלע זײַנע שאַטירונגען (אויך אַסאָנאַנס איז גראַם). דער גראַם, נישט געקוקט אויף די פּרוּװן פֿון רעװאָלוציע קעגן אים, איז פֿון די אײביק-זיך-איבערחזרנדיקע און צוריקקומענדיקע פֿאָרם-װערטן פֿון דער דיכטקונסט.

אָט װעלן מיר נענטער זיך צוקוקן צו דעם דאָזיקן אײביקן באַגלײטער פֿון דער פּאָעזיע אין זײַן ייִדישן גלגול.

מיט דער גרעסטער קאָנווענציאָנעלקייט און עקשנותדיק-אינערטישער „קאָנזעקווענטקייט" גייען די פּאָעטן אונזערע, אַלטע ווי יונגע, אין שפּאַן פון דייטשמעריזם.

גראַם? נו, די ייִדישע פּאָעזיע זשענירט זיך נישט, חלילה, זי באַנוצט זיך — און אַ סך עפטער ווי מ'קאָן מיינען — מיט אַזעלכע גראַמען, וואָס אין דייטש האָבן זיי הינטער זיך נישט נאָר די קלאַסישע טראַדיציע פון געטע-שילער, נאָר אויך — דאָס דייטשע שפּראַך-געפיל, ביי אונז אָבער איז עס אַן איבערפלאַנצעכץ, וואָס אַקלימאַטיזירט זיך נישט בשום אופן מיט אונזער ייִדישן שפּראַך-געהער

אַ לאַנג נאָך וועט מיין בלוט באַטריפן
דיין קינדערזועלעס פעסטונגסשאַנץ
ביז שפּיגלען וועט זיך ליב-ערגריפן
דאָס אויג דיינס אין מיין טרערנגלאַנץ!

(ש. י. אימבער: „רויזנבלעטער", 1914, ז. 186)

געטע מעג טאַקע שרייבן:

Die Sonne tönt nach alter Weise
In Brudersphären Wettgesang,
Und ihre vorgeschriebne Reise
Vollendet sie mit Donnergang.

(„Faust", I)

אָבער ייִדיש — אַ שפּראַך, וואָס איר מוזיק איז: קלאָרע, לויטערע, שאַרף-שווערדיקע אַרטיקולירטקייט — פאַרטראָגט נישט אַזעלכע שטומפּיקע גראַמען, וואָס זייער מוזיקאַלישקייט איז נישט נאָר אַ האַלבע, נאָר אַ פערטלדיקע, און וואָס זייער ענד-טאָן בלייבט ערגעץ שטעקן אין אַ טעמפּן ווינקל. פון די ווערטער: „וועטגעזאַנג" און „דאָנערגאַנג" הערן זיך פאַקטיש אַרויס צוויי קלאַנגען: „וועט" און „דאָנער". דער „געזאַנג" מיטן „גאַנג" בלייבן גראַמען געשריבענע, ריין-גראַפישע און אָפּטישע, אָבער נישט גראַמען פאַקטישע, נישט פאָנעטישע, נישט וואָקאַלישע.

ריכטיק האָט באַמערקט דער פראַנצויז דע-באַנוויל, אַז אין יעדער צייל פון אַ געדיכט הערט זיך בלויז אַרויס דאָס וואָרט, וואָס אַנטהאַלט דעם גראַם. ווען איז דאָס אָבער געהערט? ווען ס'גראַם-וואָרט איז נישט צונויפגעשדכנט מיט אַ צווייטן וואָרט, וואָס אויף אים, נישט אויפן גראַם-וואָרט, פאַלט דער אַקצענט.

נאָר, ווי געזאָגט, אין דער דייטשער פּאָעזיע האָט די דערמאָנטע

קודם-כּל דאַרף מען זאָגן, אַז אויב דאָס דאָזיקע אַרטיקל טראָגט דעם שטאָלץ-קלינגענדיקן נאָמען: פראַגן פון ייִדישער פּאָעטיק (וואָס אין פלוג שטייט דאָס אין סתירה צו דעם ביז איצט געזאָגטן, ווייל ווו האָבן מיר אַזאַ פּאָעטיק?) — געשעט דאָס דערפאַר, ווייל אַ כּלומרשטע פּאָעטיק, אַ פאַלשע, אַ דייטשישע, פאַרמאָגן מיר יאָ. די ייִדישע פּאָעזיע האָט איר געכאַפּטע כּמו-פּאָעטיק געבאָרגט פון דייטש, נישט רעכענענדיק זיך מיט דער באַזונדערער מוזיק פון ייִדישן לשון, און באַזונדערס בולט האָט זיך דאָס אָפּגעשפּיגלט אויפן ייִדישן גראַם. ער, דער גראַם, איז באַזונדערס פאַרדייטשמערט. ווי געזאָגט, דער גראַם געהערט צו די סטאַבילע באַגלייט-דערשיינונגען פון דער פּאָעזיע, קלאַסיציסטישער אָדער מאָדערניסטישער, אַלטער אָדער נייער. מ'וואַרפט אים אַרויס דורך דער טיר און ער קומט צוריק דורכן פענצטער. צי דער גראַם איז קינסטלעריש נויטיק אָדער ער איז נישט מער ווי אַ קונסט-רעקוויזיט — זיין „אייביקער ווידערקער" איז אַ פאַקט. נישט אַריינלאָזנדיק זיך דאָ אין חקירות, וויל איך נאָר זאָגן, אַז אַלנפאַלס איז דער גראַם פּונקט אַזאַ קונסט-מיטל ווי אַנדערע און אויסראָטן אים וואָלט דעריבער געהייסן: אָרעמער מאַכן דעם דיכטער מיט אַ קונסט-עלעמענט, צורויבן ביי אים אַ טייל פון זיינע קונסט-מעגלעכקייטן.

דער גראַם (ווי דערמאָנט, דאַרף ווערן צוגערעכנט צום גראַם אויך דער אַסאָנאַנס, — ס'איז דאָך בלויז דער פריזירטער גראַם, דער גראַם, האַלט איך געזאָגט, מיטן „אַלאַ-גאַרסאָן") — אַ פאַקט איז, אַז נישט נאָר דיכטער, וואָס האַלטן זיך מער-ווייניק ביי קאָנסערוואַטיווע קונסטריכטונגען, נאָר אויך אַלע, אָדער כּמעט אַלע ייִדישע מאָדערניסטן באַנוצן זיך מיט אים עד-היום. אפילו ראַוויטש, וועלכער האָט פונם גראַם זיך אָפּגעזאָגט אינגאַנצן, זינדיקט צומאָל אונטער אין זיינע פּאָעמעס — דאָרט ווו ס'בעט זיך — מיט אַ גראַם. פאַרפאַלן. קענטיק, אַז פּאָעטן (טעאָריעס פאַר און קעגן — אָן אַ זיים!) ווערן שוין אַזוי געבוירן מיטן גראַם-גלעקל אויפן האַלז.

היינט ווי באַלד מ'ריימט און מ'אַסאָנאַנסעוועט — האָט דאָך אונזערע פּאָעטן געמעגט איינפאַלן זיך אַ פרעג צו טון: ווי אַזוי גראַמען מיר? האָבן מיר אַ פּאָעטיק אָדער נישט? אויב יאָ — צי איז עס ייִדישע פּאָעטיק, צי איז זי צוגעפּאַסט צום ייִדישן שפּראַך-געהער, אָדער איז זי אַ פרעמדע, אויף באָרג גענומענע און דעם ייִדישן שפּראַך-זין דערווידער?

אָבער קיינער פרעגט נישט.

אומהאַקאַלישע גראַמונג איר טראַדיציע און איר סוד. דאַרף אָבער אויך די יידישע פּאָעזיע זיך אַריינשטעלן אַט דאָס קינסטלעכע, געזוכטע אויג פון דעם פיקטיוון גראַם? .

די יידישע פּאָעטיק, ווען זי וועט ווערן געשאַפן, וועט דערויף דאַרפן געבן תשובה. דערביי וועט זי דאַ אונטערשיידן צווישן צווייערליי אַרטן גראַמונג: א) ווען ס׳גראַמען זיך צוויי צונויפגעזעצטע ווערטער, וואָס דער מוזיקאַלישער אַקצענט פאַלט פאַרשידן אויף יעדן איינעם פון זיי (אַזאַ זיווג מוז אויסגעמיטן ווערן), ב) ווען ס׳פּאָרט זיך אַ פיקטיוו-אַפּטישער (דייטשער) גראַם מיט אַ מוזיקאַלישן (דאָס ווידער, באַזונדערס דאַן, ווען דער מוזיקאַלישער גראַם איז דער צווייטער, דאַרף יאָ דערלאָזט ווערן, וואָרים פון אַזאַ צונויפפּאָרונג באַקומט זיך פּאָרט אַ מוזיקאַלישער — אמת נישט קיין אַבסאָלוט-מוזיקאַלישער — עפעקט. אַזאַ מין גראַמונג דאַרף מען, לויט מיין מיינונג, באַצייכנען נישט אַלס פיקטיווע און טעמפּע, נאָר אַלס געדעמפּטע). *)

אריבערגייענדיק פון דעם פולן גראַם צום אונטערגעשוירענעם, כ׳מיין: צום אַסאָנאַנס, (אין דער יידישער פּאָעזיע איז זיין פּיאָנער און אַלפּאַלס הויפּט-רעפּרעזענטאַנט פּרץ מאַרקיש) דאַרף מען זאָגן, אַז אויך דאָ וועט די יידישע פּאָעטיק מוזן פונאַנדערשיידן צווישן דעם פיקטיוון, הילקירלעכן און ממילא אַנטיקינסטלערישן און אַנטיפּאָעטישן אַסאָנאַנס און דעם אַסאָנאַנס דעם פּאַקטישן, ד. ה. צווישן אַזאַ אַסאָנאַנס, וואָס

---

*) בנוגע דער צונויפגראַמונג פון צוויי צוזאַמענגעזעצטע („דיטשע״ ווי איך רוף זיי) גראַם-ווערטער — דאַרף איך דאָ צוגעבן, אַז אַן אויסנאַם זענען דאָפּל-גראַמען אָדער קאָרעלאַטיוו-גראַמען, ד. ה. אַזעלכע צוזאַמענגעזעצטע גראַם-ווערטער, וואָס פון זייערע ביידע טיילן גראַמט זיך יעדער איינער מיט זיין קאָרעלאַט.

אַן אויסנאַם פון כלל איז אויך דער קאַלאַמבור-גראַם. בייספּיל פון אַזאַ גראַם:

אַוועק צו די לייט אויפן תפילה-באַרג,

אַוועק צו די חברה תפילה-וואַרג.

(אהרן צייטלין: „יוסף דילה-רינה״).

אגב, וועלן אויך פאַרשידענע „ליטווישע״ גראַמען קאָנען דערלאָזט ווערן דורך אַן איבערדיאַלעקטישער יידישער פּאָעטיק אַלס אַ געוויסער טיפּ קאַלאַמבור-גראַמען, וואָס שטייען אויפן וועג צווישן פולן גראַם און אַסאָנאַנס. מ׳מוז אָבער באַמערקן, אַז אַזעלכע גראַמען ליפערט דער ליטווישער דיאַלעקט גאַנץ ווייניק.

אַן אַנדער פאָרם קאַלאַמבור-גראַמען זענען די נישט-פּינקטלעכע גראַמען (אונטערצושיידן פון די לכתחילה פיקטיווע!) אַזעלכע גראַמען האָבן אומבאַדינגט זייער אייגענעם חן, אָבער ביים פאַרטאָטס וועלן זיי אַלעמאָל אַרויסקומען גרילציק און גיסט-געשמאַק.

איז נישט מער ווי אַ שרייב-ווּיסקראָבעקל און נאַרט אָפּ מיט ריין גראַפישער ענלעכקייט פון אותיות אָדער אפילו אַן אות, און אַזאַ מין אַסאָנאַנס, וואָס דערפילט זיין שליחות, העקנדיק אין אויער די אַסאָציאַציע פון אַ קלאַנג (די איינגעמלעכע אויפגאַבע פונם גוטן אַסאָנאַנס-גראַם).

ביי פּרץ מאַרקישן (אין זיינע סאָנעטן, „וואַרשעווער שריפטן״, וואַרשע, 1927):

אַזוי אַוועקגעשטעלט זיך שפּילן שפּיסצענאַבטס,

איז נישט אַוועקגעלייגט ביז זונטאָג אין דער פרי;

ביים פענסטער שטייט די גאַנצע גאַס פון קליין ביז גרויב.

און יעדער איינציקער האָט זיך געקוקט דאָס האַרץ;

ער שפּילט שוין איינמאָל גוט, דער שניידערוק עוזיאל!

און נייען? נייען מעג ער נייען פאַרן קייסער.

„שפּיסצענאַבטס״ (אַקצענט אויף „נאַבטס״) מיט „פרי״ מיט „עוזיאל״ (לייען: אוזיל) — נישקשה פון אַסאָנאַנסן. אָבער „גרויב״ מיט „קייסער״ איז שוין נישט קיין אַסאָנאַנס, נאָר אַ מפיל-קינד. אין די וועלביקע סאָנעטן מאַרקישעס ווערן געגראַמט „ק״ ״נ׳ מיט „לייטיקע״ און „הויקערס״ מיט „אויגן״, „אָרעמע״ מיט „קאָרענע״ און „אורחים״ מיט „טרויעריקער״.

לאָמיר זיך צוקוקן צו אָט די אַסאָנאַנסן.

„קליינע״ מיט „לייטיקע״ זענען נאָך פאַר אַ נויט צו דערליידן, אָבער „הויקערס״ מיט „אויגן״? וווּ איז דאָ די מינימאַלסטע אַסאָנאַנס-מעגלעכקייט? „אָרעמע״ און „קאָרענע״ — מהיכי-תיתי, גרייליך אָנגעלייגט (אויב איר ווילט — איז עס אפילו קיין אַסאָנאַנס נישט, מחמת דער מ׳ און דער נ׳ זענען מוזיקאַליש לייבלעכע ברידער, אַזוי אַז „אָרעמע״ און „קאָרענע״ זענען פשוט אַ גראַם), אָבער — וואָס פאַר אַ קלאַנג-אַסאָציאַציע שייכות קאָנען האָבן „אורחים״ מיט... „טרויעריקער״? ס׳איז דאָך שוין נישט אַסאָנאַנס, נישט פאָרם, נאָך מיספאַרשטענדעניש, קיין פיקציע פאַרן אויג אויך נישט, פעדער-לאַפּכעלעך געבוירן אין טינטער!

* * *

מיר האָבן גערעדט װעגן דער שלעכטער װירקונג פון דייטשן מוסטער אויפן יידישן גראַם. אָבער דער גאַנצער פּאָעטישער זאַץ־בוי איז ביי אונז אָפט לחלוטין נישט יידיש, נאָר דייטשמעריש, אַ קינסטלעריש נישט באַרעכטיקט דייטשמעריש. איך זאָג: קינסטלעריש נישט־באַרעכטיקט, װייל ס'איז קלאָר פאַר מיר, אַז דאָס דייטשמעריש האָט אויך פּאָזיטיװ־עסטעטישע װערטן פאַר יידיש. דאָרט, װו דאָס קינסטלערישע דיקטירט סטיליזירונג, אַרכאַיזירונג, פּאָעטישע פייערלעכקייט און דעסגלייכן — דאָרט איז דאָס דייטשמערישע, אויך דאָס עברי־טייטשישע, נישט נאָר נישט קאָמיש, נאָר דורכויס באַרעכטיקט און מטילא קינסטלעריש נויטיק.*) װייטער איז קלאָר פאַר מיר, אַז געװיסע אייגנשאַפטן פון דייטשן שפּראַך־בוי, װאָס זענען איינגעפירט געװאָרן אין דער יידישער פּאָעזיע, פאַרמאָגן פאַר אונזער יידישן גער אַ חן פון פייערלעכקייט און זענען דערום נישט צום אָפּװאַרפן. ס'איז אויך קלאָר, אַז צוליב אַ רייכן, איינפאַלדיקן אָדער סתם אינטערעסאַנטן גראַם, װאָס הויבט אָן צו קלינגען אין אויער און װיל דורכאויס אַרויסגעבראַכט װערן, מעג אַמאָל אַ דיכטער מיט דער גאַנצער דרייסטקייט באַגיין אַ שטיקל עולה קעגן דעם סינטאַקסיס און אַ גראַם טון, װי, למשל, יהואש:

דען װינטער איז איצט און די פרעירי זי װאַרט
און זאַמלט און זאַמלט עשירות,
און אַלץ, װאָס איז מעכטיק, און אַלץ, װאָס איז צאַרט,
פאַרבאָרגן אין בוזעם ביי איר איז.

---

*) פּאָעטישער זאַץ־בוי מוז געװיס אַנדערש זיין פונם פּראָזאַישן (איבריקנס, נישט אומעטום, װאָרים אָפט איז דאָ אַ װילן אינם דיכטער דװקא אין דער פּאָעזיע צו זיין פּראָזאַיש) ,ענען דעריבער געװיסע װערטער־איבערשטעלונגען, און נישט בלויז אַזעלכע, װאָס זענען אָנגענומען אויך אין דער פּראָזע, װי: דאָס שטעלן צום סוף דאָס צייט־װאָרט, דעם אַטריבוטיװ אַד־גל, נאָר טאַקע אַ סך דרייסטערע — צוליב מוזיקאַלישע און אַנדערע טעמים אָפט נויטיק און באַרעכטיקט סיי אין פּאָעזיע, סיי אין ריטמישער פּראָזע. ס'קאָן אויך אַ דיכטער אַמאָל שאַפן אַ לחלוטין אייגענעם זאַץ־בוי און דעמאָלט קאָן מען פון אים פאָדערן בלויז איינס: אויסגעהאַלטנקייט אין די ראַמען פון אייגענער פאָרם (אַ קלאַסישער ביישפּיל — נסתר). אַ צוקונפטיקע יידישע פּאָעטיק װעט אָבער געװיי מוזן פעסטשטעלן די עסטעטישע גרענעצן פון דייטש (און עברי־טייטש) אין דער יידישער שפּראַך בכלל און יידישער פּאָעזיע בפרט.

אָבער װאָס זאָל מען זאָגן, װען מ'לייענט ביים זעלבן דיכטער (אין זיין איבערזעצונג פון לאָנגפעלאָס „היאַװאַטאַ"):

דאַן געשטאַלטן צװיי — אַ מאַנסביל
און אַ פרוי — געשטאַנען זענען

אָדער:

אונטערן אַלטנס דיקע ברעמען
װילד געגליט די אויגן האָבן.

איז עס נישט דייטשמעריש סתם אין דער װעלט אַריין?

אָדער:

פרעירי־הענלעך געהאָיעט האָבן
און דער דונער אויפגעװאַכט האָט.

װאָס מאַכט דאָ קינסטלעריש נויטיק דעם „געהאָיעט האָבן" מיט דעם „אויפגעװאַכט האָט"? מיט װאָס װאָלט ערגער געװען:

ס'האָבן פרעירי־הענלעך געהאָיעט
און ס'האָט אויפגעװאַכט דער דונער.

נאַטירלעך, װערט דאָס נישט געזאָגט מיט דער כּונה צו מינערן כאָטש אויף אַ האָר יהואשעס מייסטערראָל אין דער יידישער דיכטונג. יהואש איז אין ענין סתם־דייטשמעריש להלוטין קיין אויסנאַם נישט. במעט אַלע אונזערע פּאָעטן, אַמאָליקע און איצטיקע, ברויכן דעם גלאַט־אַזוי־דייטשמעריש אומבאַרעכנטערהייט, אָפט אָן שום קינסטלערישער באַדערעכטיקונג, מ'מיינט אפנים, אַז אַזוי איז שענער און לייטישער

װאָלט נאָך אפשר נישט אויסגעמאַכט. מילא, אַ געשמאַק אַזאַ! װי איז אָבער, װען מ'דערלויבט זיך אַזאַ פרייהייט נישט פון כלומרשטער שיינקייט װעגן, נאָר — װאָס עס טרעפט זייער אָפט — צוליב פשוטער טעכנישער הילפלאָזיקייט?

װי נאָר אַ יידישער פּאָעט קאָן זיך קיין עצה נישט געבן מיטן ביסל מעטריק — קלערט ער נישט קיין סך, און לאָזט אַלץ אויס צום יידיש.

מילא, אַז מ'דאַרף עס צום גראַם — איז דאָך נישט שייך. מ'מיינט נישט דװקא אַ גראַם אַלא דעם, װעלכן מיר האָבן פריער אַלס ביישפּיל ציטירט פון יהואשן (דאָרט, װי געזאָגט, לוינט זיך עס כאָטש), נאָר אַט, סתם אַזוי, װאָסער גראַם ס'זאָל נישט זיין

יוסף ראָלניק (כ'האָט געלייענט פון אים שיינע לידער און כ'ציטיר אים דאָ ריין צופעליק; כ'קאָן אויף זיין אָרט נעמען יעדן אַנדערן יידישן

דיכטער) — יוסף ראָלניק העט, האָף איך, אויף מיר נישט בייז זיין, אויב כ'װעל דאָ לשם אילוסטראַציע ציטירן:

אין איינער אַ שעה פון אומװילן
פאַרהאָס ער באַשאַפן מיך האָט.

צי האָט זיך געלוינט אַזוי אויסצעדרייען ס'ביסל יידיש, כדי צו באַקומען אַ גראַם צו „גאָט"?

און נאָך: צוליב טעכנישער נאָכלעסיקייט באַנוצן יידישע פּאָעטן מיט אַ פאַרדעכטיקער פאַרשװענדערישקייט יענע עבט-דייטשע פאַרקירצונגען, װאָס יידישע שפּראַך, יידיש שפּראַך-געהער, פאַרטראָגט נישט. יידיש, דאַרף מען װיסן, האָט די טענדענץ צו פאַרװאַנדלען דאָס דייטשע (ליטעראַריש ביי אונז אָנגענומענע) „האָפנונג" אין „האָפענונג", און דעסגלייכן שטעלט זי אַריין אַן ע אין „רעכנונג" און מאַכט דערויס: „רעכענונג". אָבער ביי די פּאָעטן אונזערע איז נישט נאָר די האָפענונג אַ האָפנונג (דאָס שאַדט נישט!), נאָר אַפילו די טונקעלע נאַכט איז אַ טונק'לע און די פינסטערע הימלען — פינסט'רע. װער שמועסט — מיידלשע ליפּן. זיי זענען געװיס נישט קיין װאַרעמע, נאָר בפירוש װאַר'מע. תפילות פון יידישע דיכטער זענען אָפט נישט קיין פאַרבאָרגענע און נישט קיין הייליקע, נאָר — פאַרבאָרג'נע און הייל'קע. ביי יהואש: „אַ דופט'קע האַרצנס-בלום", „צום ערשטן מאָל באַצװינגען אַ פאַרבאָטנעם ליב". „און מיט אַ האָר-באַװאַקס'נעם רוקן" (צופעליק אַרויסגעכאַפּט). דאָס נעמלעכע — ביי װעמען איר װילט: פון מאָריס ראָזנפעלד ביז דוד איינהאָרן און ש. י. אימבער, פון דעם זיידן װינטשעװסקין ביז משה-לייב האַלפּערן און — װער נישט?..

אָ, ליצענציאַ פּאָעטיקאַ? דאָרט, װו זי װערט געברויכט אויף טריט און שריט, הערט זי ממילא אויף צו זיין אַ „ליצענציאַ" און װערט אַ פּלאָג אַ יידישע פּאָעטיק, װען זי זאָל װערן געשאַפן, װאָלט גענוי אָנגעצייכנט די גרענעצן צװישן פּאָעטישער פרייהייט און פּאָעטישער װילקיר, װאָס שטאַמט אָפטמאָל נישט אַזוי פון דיכטערישער פרייגעביקייט, װי גראָד פון אָרעמקייט און פון „צו-לייכטן מאַניפּולירן מיט פּאָעטישע פּריװילעגיעס".

ערגער נאָך פאַר דער פאַטאַלער דייטשער ירושה איז דער תוהו-ובוהו, װאָס די פאַרשיידנקייט פון אונזערע היימישע דיאַלעקטן ברענגט אַריין אין דער יידישער װערסיפיקאַציע.

קאָן דאָך אַ פּוילישער ייד, למשל, מוזיקאַליש נישט אויפנעמען די

אים פרעמדע, ריין-ליטװישע גראַמונג פון ה. לייװיק, מאַני לייב, דוד איינהאָרן, משה קולבאַק א. אַנד. פאַרן געהער װידער פון אַ ליטװישן ייד בלייבט טויט די גראַמונג פון פּוילישע. פּויליש-גאַליצישע אָדער װאָלינער. די יידישע װערסיפיקאַציע איז אַ ריין דיאַלעקטישע און פּאַרטיקולערע, און װען איך זאָל װעלן דאָ אָנגיין מיט ציטאַטן, װאָלט איך באַדאַרפט ציטירן כמעט אַלע יידישע פּאָעטן. איך װעל מיך דערום באַגרענעצן מיט אַן איין-איינציקער צופעליקער אילוסטראַציע פון ליטװישער גראַמונג (פאַרשטייט זיך, אַ טראָפּן פון אַ ים):

פון דונקלען באַרג-װאַלד הייבט זיך אויף
אַ שטילער זילבער-ראָד
און איבער פעלד און פעלן פאַלט
אַ װייבער בלייבער סוד.

(יהואש)

אַ פּוילישער ייד לייענט: Sod, Rued. פאַרן ליטװאַק איז עס אַ פולער כשרער גראַם, פאַרן פּוילישן ייד — אַפילו קיין רעכטער אַסאָנאַנס נישט.

און אָט — פונקט אַזאַ צופעליקער, אָבער כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל פון פּוילישער גראַמונג:

...באַשפּעטן און באַלאַכן אים מיט האַס:
איצט, מלך און משיח דו, באַװייז
אַ נס פון יענעם גאָט, װאָס מיט דיר האַלט.

(דוד קעניגסבערג).

קעניגסבערג רעדט אַרויס דעם „באַװייז"—„באַװאַז", ממילא איז עס אַן אויסגעצייכנטער גראַם צו „האַס". דער ליטװאַק װעט אָבער לייענען נישט „באַװאַז", נאָר „באַװייז", און דאָ בלייבט שוין דער „האַס" מוזיקאַליש אַ פיקציע און אַ גאָרנישט-זאָגנדיקייט.

נאָר קאָן מען דען טענות האָבן צום איינצלנעם יידישן דיכטער, הלמאי ער איז געטריי זיין דיאַלעקט? ס'װאָלט געװען נאַריש. ס'דעצידירט—און דאָס איז פאַרשטענדלעך—דאָס אייגענע, פון דער היים מיטגענומענע, דיאַלעקטישע שפּראַך-געהער פון יעדן איינעם. איז דען מעגלעך, אַז פאַרן ליטװאַק זאָל נישט זיין קלינגענדיק און גראַמענדיק אַזאַ װערטער-פּאָרל, װי—אַ שטייגער—„טויט" (ליטװיש: teyt) און „פאַרשטייט" (farštejt) און װאָס קאָן אים דאָס אַרן, װען פאַרן פּוילישן ייד קלינגט דאָס גאָר: toyt און farštajt?

יעדער איינער פון אונז איז—סוביעקטיװ גענומען—געװיס גערעכט,

װען ער גראמט אזוי, װי זײן אײנגעבוירענער דיאלעקטישער שפראך-געהער דיקטירט אים. אָבער קען מען דען בויען א פּאָעזיע אויף אזא דיאלעקטישער דיסאָנאנסן-מוזיק? מוז עס דען נישט ברענגען צום אבסורד? אָט האָבן מיר דאָך יידישע פּאָעטן, װאָס באַנוצן זיך פאראײנהײטגס אי מיט ליטװישע גראמען, אי מיט פּוילישע און פּויליש-גאליצישע. דארף מען — װערט מען בשר-פּויליש, דארף מען — װערט מען גלײך מגולגל אין א ליטװאַק.

ש. י. אימבער גראמט אי פּויליש, אי ליטװיש, אי אפילו פּויליש-ליטװיש. איך מײן דערמיט צוזאָגן, אז ער גראמט אמאָל װערטער, װאָס װען אײנס פון זײ זאָל װערן ארויסגערעדט לויט דער ליטװיש-יידישער פאָנעטיק און דאָס צװײטע-לויט דער פּויליש-יידישער — װאָלט דאָס געװען א גראם... אָט זענען א פּאָר בײשפּילן. צוזאמען מיט עכט-גאליציאַנער-גראמונג („יאָהר" און „שפּאָר"), גײט בײ אים אזא מין ליטװישע גראמונג: „צװישן לידער בין איך אנטשלאָפן" און „װאָס האָט דײנע בעסטע געטראָפן" („רויזנבלעטער," ז. 24); „זעלע" און „העלע" (דאָרט ז. 30); „געטראָפן" און „שטראָפן", „שלאָפן" און „האָפן" (דאָרט ז. 177); „נאָענט" און „געקאָנט" (ז. 164), „אָפּ" און „קאָפּ" (דאָרט); און אזוי כסדר. און אָט איז א גראמונג, װאָס באַשטײט פון אמתן דיאלעקטן-שעטנז:

צװײ, דרײמאָל האָט דײן בליק באַרירט מיך
און ס'איז מיר שוין גענוג געװען.
מײן הארץ, דאָס קינד, האָט שוין געפירט מיך
אויף װעגן העל און װאונדערשײן (דאָרט ז. 177).

דער „װאונדערשײן" איז דאָ ליטװיש, דער „געװען"—פּויליש, און צוזאמען איז עס—קײן גראם נישט*)

*) אַן אינטערעסאנטער בײשפּיל פון „פּויליש-ליטװישער" גראַמונג בײ אברהם רײזען:

אויפן פעלד
קערט א װעלט,
יאָגט א װינט א בײזער,
און ער בײגט
און ער לײגט
צו דער ערד די גרעזער.

װען ס'זאָל דאָס גראַם-װאָרט „בײזער" ארויסרעדן ליטװיש: בעיזער (פּויליש: באַיזער) און ס'גראַם-װאָרט: „גרעזער" ארויסרעדן פּויליש-ייִדיש: גרעיזער (ליטוויש: גרעזער) — װאָלט דאָס... געװען א גראַם.

און טאקע נאָר בײ אונזער גראמען-מיט-מאָש און דיאלעקטישער צעמישעניש איז מעגלעך, אז דוד אײנהאָרן, דער ליטװיש גראמענדיקער, זאָל גאָר פּלוצלינג—װען ס'פּאָדערט דער גראם—דיר-נישט, מיר-נישט װערן פּויליש („קימער" (קומער) — „צימער", זע זײנע „געזאמלטע לידער", בערלין, ז. 81) און אז משה-לייב האלפּערן, דער גאליציאַנער, זאָל, װען ער דארף, גראמען ליטװיש („גאָרטן — דאָרטן" און א סך ענלעכע).

איך מוז מיך דאָ װידער פאַרענטפערן און זאָגן, אז דערמיט װערט בשום-אופן נישט געמײנט צו פאַרמינערן די באַדײטונג פון די דערמאָנטע—אגב, גאנץ פאַרשידענע — יידישע פּאָעטן. אָבער אז אזא װילקיר-באַציונג מוז פירן צו אן אבסאָלוטער אנטװערטונג פון ייד ... ן גראם — דאָס, מײן איך, איז קלאָר. שוין גלײכער טון װי ראַװיטש: לכתחילה נישט ארויפלאָזן דעם גראם אויף דער שװעל, לאָזן אים בלויז ארײנקוקן פון צײט צו צײט דורך א שפּאַרע. װאָרים אײדער אזעלכע מאַניפּולירונגען איז שוין פון פאָרם-שטאנדפּונקט געװיס א סך קינסטלערישער און ערלעכער נישט ארײנצולאָזן זיך איבערהויפּט אין מחזקות מיט דעם געװינדל גראמען.

בײ אזא לאגע מוזן אײנמאָל פאַר אלעמאָל אויסגעאַרבעט װערן געװיסע כללים, װאָס זאָלן — אויפן װעג פון קעגנזײטיקע קאָנצעסיעס פאַר בײדע גרונט-פאַרשידענע הויפּט-דיאלעקטן: דעם פּוילישן און דעם ליטװישן — פאַראײנהײטלעכן די צעפּאָרענע יידישע װערסיפיקאַציע.

אָט די פראגע איז אָבער ענג פאַרבונדן מיט דער פראגע פון יידישער דיקציע בכלל. און אַן אָנגענומענע אלגעמײן-יידישע דיקציע—דער ערשטער טריט צו אַן אײנהײטלעכער ליטעראַטור- און בינע-אויסשפּראַך — איז נאָך נישט געשאַפן.

נח פּרילוצקי (אין קװארטאל-בוך „יידיש טעאַטער", II, װארשע, 1927) שלאָגט פאָר א גענוי אויסגעארבעטן פּראָיעקט פון א יידישער בינע-שפּראַך. מ'װעט זיך מיט דער דאָזיקער ארבעט געװיס מוזן רעכענען. פּרילוצקי באַגײט אָבער צװײ גרונט-פעלערן, װאָס מאַכן פון זײן פּראָיעקט נישט מער װי מאַטעריאַל פאַר דער צוזאמענשטעלונג פון א צוקונפטיקער אײנהײטלעכער קולטור-אָבליגאַטאָרישער יידישער אויסשפּראַך:

1) ער איגנאָרירט לחלוטין דעם ליטװיש-יידישן דיאלעקט, פאַררופנדיק זיך אויף דעם סטאַטיסטישן און קולטורעלן מאָמענט, ס'הײסט—מיט פּשוטע דיבורים — אויף דעם פאַקט, אז דער ליטװישער דיאלעקט װערט גערעדט דורך א פּראָפּאָרציאָנעל קלײנעם טײל פון יידישן פאָלקס-

קיבוץ אין פארגלייך מיט די, וואָס רעדן אויף דעם „מיטל-יידישן" דיאַלעקט (פ.'ס טערמינאָלאָגיע) און, צווייטנס, אויף דעם פאקט, וואָס דאָס קולטור-הינל פון יידישער ליטעראטור איז געשטאנען נישט אין דער ליטע.

2) ער פארגעסט אין דער עקזיסטענץ פון א יידישער ליטעראטור בכלל און א יידישער פּאָעזיע בפרט און מיינט, אז מ'קאָן שאפן אָן אַלגעמיין-גילטיקע יידישע דיקציע אויפן סמך פון טעאטער-דערפארונג אליין.

אָט די צוויי חסרונות, — דאָס איגנאָרירן א גרונט-דיאלעקט, וואָס האָט געגעבן און גיט דער יידישער ליטעראטור ערשטראנגיקע כוחות (אגב, וואָס פאר א ראָליע קאָן דאָ שפּילן דער אזוי גערופענער סטאטיסטישער מאָמענט? וועמען גייט דאָ אָן די סטאטיסטיק?), און דאָס נישט נעמען אין אכט די ספעציעלע דיקציע-באדערפענישן פון דער יידישער פּאָעזיע, — פארקלענערן דעם אָביעקטיוון ווערט פון פּרילוצקיס ארבעט.

איך זאָג: אן איינהייטלעכע יידישע בינע-שפּראַך קאָן נישט געשאפן ווערן ביי אונז אָן אן איינהייטלעכער יידישער ליטעראטור-אויסשפּראַך בכלל. אָבער אן איינהייטלעכע יידישע ליטעראטור-אויסשפּראַך קאָן פון איר זייט נישט געשאפן ווערן אָן דער הויפּט-מיטארבעט פון דעם יידישן שפּראַך-מוזיקער, ד. ה. פון דעם יידישן פּאָעט.

דעריבער — כדי נישט צו בלייבן ביי טעאָריע — שלאָג איך פאָר (זאָל דאָס נעמען אין אכט דער צוזאמענפאָר פון די יידישע פּען-קלובן) צו שאפן א קאָמיטעט, וואָס זאָל צונויפרופן אן אלגעמיינע שפּראַך-קאָנפערענץ פון יידישע פּאָעטן, בינע-קינסטלער און פילאָלאָגן.

דער דאָזיקער יידישער שפּראַך-צוזאמענפאָר (נאָכאמאָל: ביי א שטארקער באטייליקונג פון יידישע פּאָעטן) וועט דארפן אויספירלעך דיסקוטירן, עווענטועל אננעמען באשלוסן וועגן אלע פראגן, וואָס זענען דירעקט און אומדירעקט פארבונדן מיט דער שאפונג פון אן איינהייטלעכער איבערדיאלעקטישער יידישער ליטעראטור-און בינע-שפּראַך. ס'איז א זאך, וואָס איר חשיבות איז דאָך זיכער נישט קלענער ווי די חשיבות פון אן איינהייטלעכער יידישער אָרטאָגראַפיע ובדומה פראגן, פון וועלכע מ'רעדט אזוי אָפט, א זאך וואָס דארף צעמענטירן דאָס צעשפּליטערטע קולטור-שאפן אויף יידיש.

די עלטסטע שפּורן פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור

פון ד"ר יצחק שיפּער

I

די עלטסטע, באַוווסטע יידישע איבערזעצונג פון „אדיר הוא"

צו די עלטסטע דענקמעלער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור ווערן פון אונזערע פאָרשער פאַררעכנט:

1) „יידיש-טייטשע" אָפּשפּרעכענישן און „רפואות", וואָס זענען פאַרצייכנט אין העברעאיש-יידישע כתב-ידן נאָך פון צוועלפטן-דרייצנטן י"ה.

2) גלאָסאַרן — פאַרטייטשונגען פון שווערע העברעאישע ווערטער, וועלכע מען געפינט אין כתב-ידן, אָנהייבנדיק נאָך פון 13-טן י"ה.

3) „מנהגים" — זאַמלונגען אין דער יידישער שפּראַך, וואָס די עלטסטע פון זיי שטאַמען נאָך פון דעם 14-טן י"ה.

4) תנ"ך-איבערזעצונגען (דער עלטסטער דענקמאָל פונם דאָזיקן מין איז אַ כתב-יד פון רויכלינס זאַמלונג, וואָס איז געשריבן אין 15-טן י"ה, די שפּראַך ווייזט אָבער אויפן 14—15 י"ה).

5) אַ דאַטירטע מחזור-איבערזעצונג פון י. 1465, וואָס איז אויפגעהיט אין דער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן אין בודאַפּעשט.

מיר ברענגען אָט די רשימה לויט דער צוזאַמענשטעלונג, וואָס ווערט געבראַכט אין די נייסטע ווערק פון ד"ר מ. ווייַנרייך („בילדער פון דער ייד. ליטעראַטור-געשיכטע", ז' 45—55) און מ. עריק („די געשיכטע פון דער ייד. ליטעראַטור", ז' 36—46).

דאָס בילד פון די עלטסטע דענקמעלער פון אונזער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס באַקומט זיך פון דער געבראַכטער רשימה, איז לגמרי נישט קיין פולס, וואָרים אין דער רשימה ווערן גענומען אין אַכט בלויז אַזעלכע דענקמעלער-כתב-ידן, וועמענס שייכות צום מיטלאַלטער איז אָן שום ספק. פאַראַן אָבער אויך אַ צווייטער מין דענקמעלער, וואָס הגם ער באַשטייט פון כתב-ידן, געשריבענע ערשט אין 16-טן י"ה, געהערט ער אָבער סיי לויט דער שפּראַך און סיי

גלאָבוס, נ"ר 3
ווארשע, סעפּטעמבער 1932

נישט צום גראַם

(באַטראַכטונגען פון א יוצא-דופן)

כל הנחלים הולכים אל הים.
(קהלת).

צווישן יאָ העלם און נישט העלם פאַרפירן מענטשן אַ דיסקוסיע מכח אַזאַ אַקטועלער העלם-פראַגע ווי... גראַמען. קאָן נאָך זיין אַ גרעסערער נישט צום-גראַם?

אַזוי האָלט דער איראָניקער און מיר רעפערירט דעם ענין. וואָס פאַר אַן ענין? אַ נאַרישקייט, זאָגט דער איראָניקער. בטלנות.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי פון ניו-יאָרק האָט אין אַ זאַמלונג עסייען, וואָס ער האָט דאָ נישט לאַנג אַרויסגעגעבן, פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט וועגן גראַם. האָט ט. ניגער אין אַ רעצענזיע זיך אָפּגעשטעלט, צווישן אַנדערן, אויך אויף אָט דער אַרבעט און האָט אָפּגעפרעגט אירע הנחות. חוץ דעם האָט דעם מחברס אַ קאָלעגע, ב. לאַפּין, אויך דיסקוטירט דעם ענין אין אַ רעצענזיע, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין „ידיש", דער ניו-יאָרקער וואָכנשריפט. היינטער האָט זיך אָפּגערופן מנחם (אין ניו-יאָרקער „טאָג"), און דער מחבר גופא, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, האָט מצדו אָפּגעדרוקט אַ מין ענטפער-אַרטיקל אין ניו-יאָרקער „ידיש".

מה רעש? גאָרנישט. הכמת הגראַם. ביאַלאָסטאָצקי וויל גראַמען-סעלעקציע, דהיינו: גראַמען זאָלן האָבן אַ שייכות, אַ שכלדיקע שייכות צווישן זיך. אָדער איין גראַם לייקנט אָפּ דעם צווייטן און דעמאָלט זענען עס שונאים, ס'הייסט קעגנזאַץ-גראַמען, אָדער פאַרקערט, איין גראַם גיט דעם צווייטן אַ תוקף — און דעמאָלט זענען עס גוטע-ברידער: סינטעטישע גראַמען. און בכלל: עס מוז זיין אויגעניק. איידער אַ גראַם טוט אַ שידוך מיטן צווייטן-מוז מען אָנפרעגן ביים שכל-הישר, צי דער שידוך איז אויסגעהאַלטן. גראַמען דאַרפן האָבן היראַט-צייגנישן.

איז עס אָט די-אָ סברא געוואָרן דער אויסגאַנג-פונקט פאַר אַ ליטעריש-טעאָרעטישער דיסקוסיע אין העלט-און-מענטש-קריזיס-יאָר 1932, ווען... און אַזוי ווייטער.

אזוי, ווי געזאָגט, איז .גרייט צו רעפערירן דעם ענין דער איראָניקער אין מיר. באלד אָבער קריגט ער פון מיר א חלק. קודם-כל דערמאָן איך זיך, אז איך גופא האָב אויך א שייכות צום ענין. נישט בלויז דערפאר, ווייל איך פארנעם מיך אויך צוביסלעך מיט מאכן גראַמען, נאָר אויך דערפאר, וואָס איך האָב מיך אזש צוויי מאָל עפנטלעך פארנומען מיט פּונקט דער-זעלבער זאַך גראַמאָלאָגיע, איינמאָל-ריין טעאָרעטיש – אין דער העברעאי-שער „התקופה", און אַן ארבעט מיטן נאָמען: „נשמת החרוז" – די נשמה, הייסט עס, פונם גראַם, – וווּ איך שטעל אויף אַן אייגענע טעאָריע וועגן דעם אורשפּרונג פון גראַם אויף דער וועלט, און א צווייט מאָל – טעכניש-לאַבאָראַטאָריש, אזוי-צו-זאָגן, אַן פּרעטענזיע אויף סיסטעמישע טעאָריעס – אין דער ווארשעווער „יידישער וועלט" („פראגן פון יידישער פּאָעטיק").

בין איך, הייסט עס, שוין דערפאר אַליין לחלוטין נישט באַרעכטיקט צו איראָניע אין דעם פאַל. אָבער נישט נאָר דערפאר וואָלט דאָ איראָניע געווען אומגערעכט. זי וואָלט אויך געווען אומגערעכט אין פּרינציפּ, אין תוך. און אין תוך נישט-גערעכט וואָלט זי געווען אַט פאַרוואָס: ס'איז זייער פיין, וואָס עס געפינען זיך נאָך מענטשן (און ווו? דווקא אין דעם פּראַקטישן אַמעריקע!), וועלכע האָבן דעם ציווילן מוט אינם וועלט-און-מענטש-קריזיס-יאָר 1932 זיך צו פארנעמען מיט אביסל קונסט-טעאָריע. צייט איז טאַקע אַן ענין זייער א טיפער. ווי דאַרף זיין די באַציאונג פון ליטעראַטור צו צייט?—דאָס איז א פראגע ביז גאָר אַן ערנסטע און ס'וועט נאָך אויס-קומען נישט איינמאָל זי צו באַטראַכטן. אָבער ווי אַפּאָקאַליפּטיש, ווי אויס-טרייסלענדיק-מאָנענדיק עס זאָל נישט זיין א צייט פון די צייטן, וואָס דער בוים פון דער אייביקייט ציטערט – איז פאראַן עפּעס רירנדיקס גראָד אין דעם, וואָס אין מיטן דרינען קאָן דער ילוד-אשה זיך ארויסגנבענען פון אונטער די אויגן פון דער צייט און א דיסקוטיר-טון – אבסאָלוט נישט צום גראַם-וועגן... נו, וועגן גראַמען.

פאַרוואָס נישט? שוין ריין דעמאָנסטראַטיוו וואָלט מען עס געדאַרפט טון. צו ווייזן, אז דער טענטש האָט... בחירה. צוליב בחירה איז דאָך די וועלט באַשאַפן געוואָרן, אויב מ'זאָל גלייבן ר' נחמנען.

בפרט, אז „אלע טייכן גייען צום ים", אזוי, אז סיי-ווי-סיי לאָזט זיך נישט אַנטלויפן – אפילו ביים גרעסטן בחירה-אַקט – פון דער אייביקייט. און ממילא קאָן מען שוין אויך נישט אַנטלויפן פון דער צייט, וואָס איז דאָך (אין קעגנזאַץ צו אחיזת-עינימדיקער צייטלעכקייט) נישט מער ווי א טייל אירער, דער אייביקייטס, אירס א פראַגמענט, אירס אַן אויסטייט, און נישט-ווי עס מיינען די קוואַזי-מאָדערנע און אין תוך אַבראָנישע צייט-לעכקייט-מענטשן – א קאָנטראַסט צו איר, א סתירה, אַן אָפּפרעג.

עס װעלן מיר מאַכע זײַן, אַז אַפּילו אַזאַ טרייבעריש-פּאַטעטישער ענין װי גראַם, קאָן-װען מ׳פֿאַרטיפֿט זיך אין אים-פֿירן צום דערמאָנטן ים, װאָס אַלע טײַכן גייען צו אים, און נישט גראָד דערפֿאַר, װײַל ים מיט גראַם גראַמען זיך, נאָר דערפֿאַר, װײַל אַלץ אין דער װעלט גראַמט זיך מיט אַלעמען.

אָבער דאָ טרעפֿט מיך אַ פֿאַרחורף, ס׳הייסט עפּעס: אַלץ גראַמט זיך מיט אַלעמען? עס דאָס טויג דאָך טאַקע נישט. בײַ דיר, אהרן צייטלין, גראַמט זיך „שכינה" מיט „גרינע", „ראָג" מיט „דיאַלאָג", בעת איך, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, האַלט, אַז די אידעאַלסטע גראַמען זענען גאָר: „גלח-טלאַר" (קענגוזע!) און „פֿאַרלאָפֿן-געטראָפֿן" (סינטעטיש).

אַזאַ פֿאַרחורף אויף מײַן אַדרעס-ס׳הערט דערבײַ געערדט װעגן „קאָנטראַבאַנדע" אַזש-געפֿינט זיך שטאַרק אויף װיים אין ביאַלאָסטאָצקיס אַרבעט װעגן גראַם. מעג איך שוין, הייסט עס, לכל הדעות נעמען אַ װאָרט צו דער דיסקוסיע, װיבאַלד איך װער אַ-פּריאָרי, אַזוי-צו-זאָגן, פּראָװאָצירט צו אַ שטיקל אָפּרוף, אַן ענטפֿער אָדער װי מ׳זאָל עס נישט אָנרופֿן.

דאַרף מען קודם-כל פֿעסטשטעלן פֿאַקטן און דערנאָך װעט מען קאָנען אַריבערגיין צו טעאָריע, דהיינו: צום אויסטײַטש פֿון דעם אָקאַרטעט-געזאָגטן מכח גראַם און ים, אָדער כדי שוין איצט צו רעדן על-פּי-טײַטש-גראַם און אוניווערס.

לירי̈קער פֿון אַלע צײַטן, אַלע פֿעלקער און אַלע קאַליבערס – אויף װיפֿל זיי האָבן זיך בכלל באַנוצט מיט גראַם – האָבן קיין שום לאָגישע שײַכות צװישן גראַמען נישט געזוכט. אין דעם פּרט איז געערעכט, פֿאַרשטייט זיך, ש. ניגער, װען ער װײַזט אָן (ניו-יאָרקער „טאָג" פֿון 17-טן יולי ה. י.) אויף דעם פֿאַקט, אַז:

„װאָס פֿאַר אַ ליד מיר זאָלן נישט נעמען – – – אומעטום װעלן מיר אין סוף פֿון די פֿערזן געפֿינען אַזעלכע װערטער, װאָס האָבן אַן אינהאַלטלעכע שײַכות צװישן זיך, אַזעלכע, װאָס קערן זיך נישט אָן איינס מיט דאָס אַנדערע, אחוץ דעם, װאָס זייערע ענדקלאַנגען גראַמען זיך". פּונקט אַזוי איז ריכטיק אַז „גראַמען פֿון אינהאַלטלעכן סאָרט זענען אַ צופֿאַל" (דאָרט).

אַז דאָס איז אמת איז פּונקט אַזוי לײַכט אױפֿצוװײַזן, װי אומטעגלעך ס׳װאָלט געװען אױפֿצוװײַזן דאָס פֿאַרקערטע. ציטאַטן זענען, לויט „מײַן מיינונג, אַבסאָלוט איבעריק. איך נעם אָן, אַז דאָס איז קלאָר פֿאַר איטלעכן לייענער, װאָס קען די װעלט-ליריק. איך װעל נאָר-פֿון יוצא װעגן – ציטירן די גראַמען פֿון דעם באַרימטן אַכט-שורות-ליד געטעס: „איבער אַללען װיפּפֿעלן." זיי גייען דאָרט אַזוי: גיפּפֿעלן-רו-װיפּפֿעלן-דו-האַוך-װאַלדע-באַלדע-אַוך.

האָט פאַר אַ זין־שייכות האָבן „רו“ און „דו“, „הויך“ און „אויך“, „האַלד“ און „באַלד“?

ניין, קיין שום לאָגישע שייכות איז דאָ נישטאָ און דאַרף נישט זיין. אין קונסט זענען לאָגישע שייכותן אַ צופעליקייט. די תוך־שייכותן זענען אַנדערע: מעטאַפיזישע.

אויך דער גראַם, ווי אַ קונסט־עלעמענט, האָט מיטן „יאָ“ און „ניין“ פון דער לאָגיק מיט „גלח—מלאך“ און „נעטראָפן—פאַרראָפן“, גאָרנישט צו טון. געווים לאָזט זיך קינסטלעך קאָנסטרואירן אַ באַשטימטע צאָל „לאָגישע“ גראַמען, אָבער נאָר קינסטלעך און נאָר אַ באַשטימטע צאָל. פאַרוואָס קינסטלעך, נישט קינסטלעריש—וועלן מיר באַלד זען. און וואָס אָנבעלאַנגט צאָל דאַרף מען היסן, אַז אין זייער אַבסאָלוטער מאַיאָריטעט זענען גראַמען לאָגיש קיין פּאָר נישט. ס׳הייסט: די צאָל גראַמען, וואָס קאָנען התונה האָבן אויף אַ לאָגישן אופן, איז אַ פאַרשווינדיק קליינע אין פאַרגלייך מיט דער צאָל גראַמען, וואָס זייער התונה קאָן פאָרקומען נאָר איפן אייביקן שמייגער פון חתונות: אונטערן קלאַנג פון מוזיק.

אמת, ווען עמיצן זאָל איינפאַלן דער אומגליקלעכער געדאַנק זיך צו האַלטן ביים „לאָגישן“ גראַם־רעצעפּט (ביי וועלכן זיין פאַרטרייבער גופא האַלט זיך נישט, באַנוצנדיק זיך מיט דערזעלבער „קאָנטראַבאַנדע“, וואָס אַלע) — האָלט ער זיך אפשר געקאָנט טעכניש אַרויסהעלפן מיטן אַסאָנאַנס (מיטן פולן גראַם—צוליב דער ערשטגעבראַכטער סיבה—וואָלט ער געהאַט מער בויך־גרימעניש אײדער גראַמעניש), און דאָס דערפאַר, ווייל די צאָל אַסאָנאַנסן איז, צוליב דער אָן ערך ברייטערער קאָמבינאַציע־מעגלעכקייט, אומפאַרגלייכלעך גרעסער פאַר דער צאָל גראַמען. אָבער דאָ קומען מיר צו דער קינסטלעכקייט. וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט אַזאַ לאָגיש געפּענטעטע שתיק־פּאָעזיע, ווי דער פּאָעט, משטיינסגעזאָגט, דאַרף האַלטן אין איין קניימשן דעם שטערן און זוכן די קאָנווענציאָנעל־לאָגישע פאַרהעלטעניש צווישן די אַסאָנאַנסן?

און ווו איז בכלל די מאָס פאַר דער לאָגישער שייכות צווישן ווער־טער? איז „מלאך“, למשל, באמת אַ קאָנטראַסט צו „גלח“? לויטן באַ־קאַנטן יידישן פאָלקסווערטל — יאָ. מ׳זאָל אָבער פרעגן אַ פרומען קריסט, למשל, וועט ער גאָר זאָגן, אַז—אדרבא, ס׳איז שיר נישט „סינטעטיש“...

אָבער דאָ האָט מען כּמעט אַן עצה: איז נישט קאָנטראַסט־גראַם, איז סינטעטישער גראַם—און די פּאָעזיע איז ברוך־השם, געראַטעוועט. ווי איז אָבער דער דין מיט גראַם־ווערטער, וואָס זייער שייכות קאָן פּונקט אַזוי גוט זיין אַ לאָגישע ווי אַ נישט־לאָגישע (און אַזוי איז עס דאָך מיטן

רוב חערטער אויף דער חעלט. ממילא אויך מיטן רוב גראם-חערטער !). אַם לאַמיר, פון אילוסטראַציע חעגן, אַ כאַפּ-טון פון ע"שטן-בעסמן: לויפן —קויפן. חיל איך—זאָג איך, אַז ס'איז שיר ניטש „סינטעטיש": מ'קאָן דאָך לויפן עפעס קויפן. בין איך אָבער אַן עקשן—זאָג איך, אַז עס הויבט זיך גאָרנישט אָן. ס'איז נישט קאַץ, נישט סמעטענע, נישט סינטעטיש, נישט קאָנטראַסט—מ'קאָן גיין עפעס קויפן און דערבײַ נישט לויפן...

צוריקגערעדט — חערטער האָבן דאָך פאַרט אַ שײַכות צחישן זיך! דאַרף מען דען ראיות ? די מענטשלעכע שפּראַך ! די ליטעראַטור ! אודאי, חעמען פעלט דען איין צו לײַקענען ? די גאַנצע חעלט איז איין גרויסע שײַכות, ליטעראַריש גערעדט: איין גרויסער גראַם. אָבער—ס'איז אַ שײַכות אַ מעטאַפיזישע, אַ שײַכות אַן איראַציאָנעלע, נישט קיין לאָגישע און נישט קיין פאָרמאַליסטישע.

און אויך גראַמען פון אַ ליד—אויב דאָס ליד פאַרדינט דעם נאָמען—האָבן אַ ממילאדיקע, אויסערלאָגישע, נאָענטע שײַכות צחישן זיך. לאָגיש-פאָרמעל קאָען „שכינה" און „גרינג", למשל, קיין שײַכות צחישן זיך נישט האָבן, אָבער ווי אָרגאַנישע טײלן פון אַ ליד, פון אַ גאַנצקייט (אגב: יעדע גאַנצקייט איז eo ipso מעטאַפיזיש און איראַציאָנעל, אַז נישט חאָלט זי קיין גאַנצקייט נישט געחען) האָבן זײ ממילא אַ שײַכות — און אַן ענגע שײַכות: די שײַכות פון גליד צו גליד אין אַן אײנציקן אָרגאַניזם.

* * *

אָבער—אַהוק די „גלה-מלאך"-גראַמען זענען אויך „גוט" סתּם גראַמען, אויב זײ הילכן נאָר אָפּ מיט עפעס אַ שטאַרקן לאָגישן טראָפּ. מהאי טעמא קחעלט אַן ביאַלאָסטאָצקי פון גראַמען, חאָס זענען שטאַרק אין דער שאַרפקייט פון זייער שײַכות — און ער פילט נישט, אַז אָט די שײַכות איז גראָד אַ ריין מוזיקאַלישע. אים געפעלט, למשל, גאָר אַן אַנטיק אַזאַ גראַמונג, חי:

און ס'האָט —
אַ שטראַל געמון עראָט.

ניגער חאַלט עס פאַר אַ טלעכטן גראַם—אַ שלעכטן דערפאַר, חײַל דער „ס'האָט" חערט נישט אַקצענטירט, איז, אַזוי-צו-זאָגן, מיטלײַפנדיק. פאָרמעל-עטימאָלאָגיש חערט טאַקע דאָס חאָרט נישט אַקצענטירט, אָבער מוזיקאַליש—יאָ. דער „ס'האָט" איז דאָ מוזיקאַליש אויסגעזונדערט געחאָרן. עס איז אַ מין סטאַקאַטאָ, אַן אָפּריס, חאָס נאָך אים דאַרף קומען די איבעררעשונג.

ניין, דער גראם פאר זיך גופא איז, טעכניש גענומען, מאקע א גוטער (כאטש די איינגעטלעכע גריכישע פארם איז, בידוע, נישט „עראס", נאר „עראס", מיטן אקצענט אויף דער ערשטער זילב), נישט מער דער שפאס דערפון איז, וואס די „גוטסקייט" האט דא גארנישט צו טון מיט באגריפלעך-לאגישער גראמען-שייכות, נאר איז א דירעקטער רעזולטאט פון א גראמען-שייכות גאר אן אנדערער, א שטרענג און בפירוש מוזיקאלישער, ס'הייסט ווידערטאמאל: א „קאנטראבאנדישער". פארפאלן. לאגיק האט נישט קיין טבע צו קלינגען.

גיבאלד אבער אזוי—קומען מיר דאך בכלל צוריק צום אלטן „קאנטראבאנדיסט", וואס האט זיך אין דער פאעזיע אזוי שטארק לעגאליזירט, אז פון דעם עלטסטן קלאסיקער ביז צום היינטצייטיקסטן מאדערניסט האלט מען זיך אין איין ארומשלעפן מיט אים: דעם פרייען אבסאלוט נישט-לאגישן גראם, דעם טאטע פון דעם נאך פרייערן אסאנאנס.

און דא באטראכטן מיר אים, דעם רעצידיוויסט, און רופן זיך אן:

א מאדנע זאך. וויפל מ'האט דעם אלטן טרייפניאק נישט געוואָרפן פון דער פאעזיע ארויס—ער שטעלט זיך צוריק אויף די בדחניש-קלעזמערשע פיס און צימבלט ווייטער... ארויסגעשלידערט דורכן פענסטער—אריין דורכן קוימען. דאכט זיך: א קימא-לן מיט יארן נאך וויטמאנען—און גארנישט. ער איז נאך דא, דער אלטער. און פאראן פאעטן היינטצייטיקע שבהיינטצייטיקע, עקסטראוואגאנט און דרייסט שבדרייסט אין מעטאפארע, אין הארט-מאטעריאל, אין ריטם אדער, ריכטיקער, אין ריטם-צעקלאפונג,—און אפילו זיי (אמאל דוקא זיי) האבן אים ליב, דעם אלטן, און נאך דערצו אין זיינע פרימיטיווסטע מלבושים, אן די רייכע פאריאסיסטיטע בראקאטן און זיידענע שפיצן.

און טאמער האט מען אים, דעם זקן, צעבראכן א האנט מיט א פוס און געמיינט: ברוך-דין-אמת—לאכט ער זיך אויס פון דער וועלט, איז זיך מיישב און געבוירט דעם אסאנאנס. איז דער אסאנאנס, דער איידעלער בן-זקונים, מיד און מיף און צעבראכן און פארהארכט אין עולמות, אבער דעם אלטנס עובדא—דאס גראמען—טוט ער אויך און נאך מיט מער שלמות, ווארום זיין גראטבארקייט איז שוין במעט ad infinitum... איז ער גאר-גראד אדאנק זיין צעבראכנקייט—אפשר נאך מער גראם ווי דער טאטע זיינער. ער, דער אסאנאנס, פירט צונויף, ווי זאגט מען דאס, א האנט מיט א האנט. ער איז דער לאנד-שדכן פון די לאגיש ווייטסטע באגריפן, פון די לאגיש ווייטסטע פילגעשטאלטיקייטן.

נישט אנדערש: אין אט דער קינסטלעריש-ארגאנישער צונויפפארונג פון לאגישע פארשיידנקייטן און ווייטקייטן, אין אט דער פאראיינהייטלעכונג פון

דער העלם-גראָד אין דעם ליגט, אַבּנים, דער כּח פון מאַטע-וּגראַם און נאָכמער-פון זיין בן-זקונים.

און אַזוי איז עס טאַקע. דאָס איז דער כּח-און דער הערם.

דער שרכן דער אגינעניקער טויג דאָ נישט. דאָ איז מען גורס אַלאַ שילער:

Dieser Kuss—der ganzer Welt !

נעמט אַ ליד-האָט פאַר אַ ליד איר הילט,-און גיט אדרבא אַ קוק-פונם שטאַנדפּונקט פון אַ לאָגיקער-ווי אומלאָגיש עס פאָרן צונויף באַגריפן די גראַמען און אַסאָנאַנסן! האָט פאַר אַ „הילדע" מישענינע!

און פאָרט ווערן אָט די פאַרשיידנקייטן, גראָד זיי, אָרגאַניש צונויפ-באַהאָפטן אין אַ גאַנצקייט! און אָט די גאַנצקייט הייסט: ליד! אָט די גאַנצקייט הייסט: אַ פערז!

איז עס נישט אַמאָל פּאַראַלעל צו יענער גאַנצקייט, וואָס הייסט: אוניווערס?

איצט זעט איר שוין, וווהין איך ציל. איך האָב מיך-נישט צום גראַם-פאַררעדט מכח דעם נישט-אַקטועלסטן און דעם טראַגיש-אַקטועלן יאָר 1932 און בין (סימן כּח פון דעם, וואָס אַלע מיכן גייען צום ים!) צוגעקומען צו אַזאַ מין אַקטועלקייט, וואָס איז צוגלייך אייביק: צום אוני-ווערס אַליין.

אדרבא, לאָמיר אַ קוק-טון, וואָס פאַר אַ ליד דער אוניווערס איז.

פאַרן לאָגיקער מכל-המינים איז אָט דאָס ליד תוהו-ובוהו-מישענינע -„קאָנטראַבאַנדע." ערשט די לאָגיק קאָן און דאַרף דאָ אַריינטראָגן אביסל אָרדענונג. פאַר דער קונסט, פאַרקערט, (און דאָ טרעפט זי זיך, ניין, דאָ דעקט זי זיך מיט רעליגיע) איז עס, דאָס ליד פונעם באַשאַף, אַן איינ-הייט, אַ געוואַלדיקע איינהייט. אַן איינהייט אפילו אין דער סתירה...

דער גראַם-האָט דער רבי ר' בונם געזאָגט-איז אַ סוד גדול. און איך שטעל מיר פאָר, אַז בשעת ער האָט דאָס געזאָגט, איז אַ שמייכל דורכ-געלאָפן איבער זיינע ליפן, דער אויבערשטער און דער אונטערשטער. און ער האָט זיי צונויפגעגראַמט...

איז עס געווען אַ טיפער שמייכל און אַ טיפער צונויפגראַם-דער שמייכל און צונויפגראַם פון דעם גרויסן מבין אויפן ליד... אָבער צו דער טיפקייט פונם ליד גופא קומט עס נישט. ווייל אפילו אַזאַ צונויפגראַמונג פון אויבן מיט אונטן (איטלעכע דערקענטעניש איז אַזאַ צונויפגראַמונג, מיינע פריינט!) -וואָס איז זי קעגן וועלכן עס איז געטלעכן גרונט-גראַם, לאָמיר זאָגן אַזאַ גרונט-גראַם, ווי: אָדם און חוה!!

זענט איר עפּעס מבינים אויף אזא גראם, מײנע פריינט?

אזא איינהײט! אזא סתירה! אזא אײנהײט און אזא סתירה צוזאמען!!!

— — — — — — — — —

און איצט הײבן מיר זיך ארונטערלאָזן מיט א היפּש ביסל מדרגות און זיך צוריק צוקוקן צום מענטשלעכן ליד. (קוואַליטאַטיוו איז עס דאָך דאָס זעלבע: װעלט אָדער ליד, ס'איז נאָר א פראַגע פון מדרגות).

איטלעך ליד—אויב עס איז א ליד—איז, שטרענג לאָגיש גענומען, אן אבסורד. װאָס בעסער דאָס ליד איז, װאָס טיפער—אַלץ „אומלאָגישער" איז עס. מיט דער הילף פון א ליד מאַניפעסטירט דער אמתער דיכטער די אמתע אינעװייניקסטע אײנהייט פון די דערשײנונגען. (אויך פאַרקערט־קײטן זענען דאָך נישט מער װי פאַרשטעלטקײטן!)

אנדערש גערעדט: פּונקט װי טויזנטער פאַרשײדנקייטן גראַמען זיך פאַרן מענטשנס פיזישן אויער (מוזיק), טויזנטער פאַרשײדנקייטן גראַמען זיך פאַרן מענטשנס פיזישן אויג (מאָלערײ)—אַזוי גראַמען זיך טויזנטער פאַרשײדנקײטן, באַגריפלעכע װי קענגנשטאַנדלעכע, פאַרן מענטשנס גײסטיקן אויג־און־אויער—און דערפון װערן לידער.

אזוי־ארום קום איך צו דער פאָרמולירונג פונם אידעאַלן ליד. ליד איז א שפּראַכלעך־מעטאַפיזישע מאַניפעסטירונג פאַר דער אינעװייניקסטער אײנהײטלעכקײט פון באַגריפלעכע און פענאָמענאַלע פאַרשײדנקײטן.

די מיטלען פון דער מאַניפעסטירונג?

ריטם—קודם־כּל. דער ריטם—דאָס איז די פּלאַטאָנישע פאָרם פון דעם גראַם. איך האַלט עס אָנגערופן: די ערשטע גראַמונג. סײ אינעם מענטש, סײ אינעם אוניװערס איז ריטם די ערשטע רעגונג, װאָס פירט צו דער מאַניפעסטירונג פון דער קאָסמישער אײנהײט (אַלע ענערגיע־פאָרמען זענען ריטמיש).

דאַן—דאָס װאָרט גופא. דער צוזאמענשטעל און צוזאמענגוס פון די װערטער. די עראָטישע צונויפגיסונג (צװייטע גראַמונג!) פון דעם, װאָס מ'רופט אינהאַלט, מיט דעם, װאָס מ'רופט פאָרם.

דערנאָך—אָבער שוין נישט װי א מוז־זאַך, נישט װי א „קאָנדיציאָ סינע קװאַ נאָן", נאָר װי א װיכטיק הילף־מיטל—דער גראַם אָדער אסאָנאַנס, דער פאָרטעלסטער באַגלייטער פון דער מאַניפעסטירונג, איר דרויסנדיקער שילד־טרעגער, העראָלד, אָנזאָגער און אויפטערקזאַמקײט־ציער.

פאָעטן האָבן זיך נישט אײנמאָל אָקעגנגעשטעלט (און הײבן זיך נאָך אַלץ אַקעגנשטעלן) דעם דראָזיקן שילד־טרעגער—דערדאָזיקער סאַמע

דרויסנדיקסטער עמאנאציע פון דער פלאטאָנישער פאָרם, דעם ריטם-דעכ־דאָזיקן „אנאָנסער" און פאָרהאנג-ציעה.

עס איז זייער רעכט, אים ליבצוהאָבן אָדער ניט, די מערהייט. האָט אים ליב. און די מינדערהייט?

איך מיין, אז די מינדערהייט, גראָד זי, דאַרף צו אים אין א סך־פאלן־אָנקומען, זי דאַרף אים, מיין איך, האָבן אפשר מער נאָך ווי די מערהייט. גראָד פאָעטן, וואָס זענען שוין צו-טיף, זאָלן אים עקספּלואַטירן. ער העלפט אמאָל דער ווירקונג. ער קומט און גיט א קלונג: דער טויכער איז אפער־געשוווּמען. ווער וויל צוגיין צום ברעג!?

אן אילוזיע! צום ברעג וועט, פארשטייט זיך, קיינער ניט צוקומען, אָבער דער קלונג איז געפאלן. און האָט די וועלט ניט געהערט־האָט געהערט דאָס הארץ פון דער וועלט.

דאָס איז דאָך דער העכער גורל פון טיפע לידער: זיי בלייבן ווי גאָלדענע פיילן, שטעקן אין הארץ פון דער וועלט — — אין יענעם אור-פונקט, וווּ ס'טרעפן זיך אלע געזאנגען.

סעפּטעמבער, 1932

אהרן צייטלין

די שפּינאָזא-פייערונגען אין האָג

צווישן די פארשידענע באַגריסונגען, וואָס זענען אָנגעקומען קיין האָג בעתן שפּינאָ־זע-קאָנגרעס אין יאָר 1927, איז אויך געווען א באַגריסונג פון אָ:רי בערגסאָן. צ.ז. אַנד־ווערט דאָרט געזאָגט: „יעדער דענקער מוז האָבן צוויי פילאָזאָפיעס—איינע אן אייגענע און איינע אַ שפּינאָזיסטישע". דידאָזיקע ווערטער, דאַכט זיך, כאַראַקטעריזירן אַ־בזלסטן די אייגנטלעכע פיזיאָנאָמיע פון די שפּינאָזא-קאָנגרעסן און דער שפּינאָזא-געזעל־שאַפט. יעדע פיר יאָר קומען פאָר אַלגעמיין-פילאָזאָפישע קאָנגרעסן, אויף וועלכע ס'ווערן באַהאַנדלט אוניווערסאַל-פילאָזאָפישע פראָבלעמען. די באַהאַנדלונג קומט פאָר מיט דער גאַנצער אָביעקטיוויטעט, צו וועלכער ס'קאָנען זיך בכלל דערשלאָגן פילאָזאָפן. אַנדערש איז עס אָבער מיט די שפּינאָזא-קאָנגרעסן; דאָ ווערט די קאַלטקייט אַביסל דערוואַרעמט. דאָס זענען צוזאַמענפאָרן פון חיטע פאַרערער, עס פאָרן חסידים צום קבר פונם רבין. ס'איז אַ